# תבא ב

א. שוין גערעדט פיל מאל[1], אז כאטש רש״י קומט מפרש זיין לכל לראש פשוטם של כתובים, אנטהאלט אבער זיין פירוש אויך יינה של תורה, פנימיות ורזין דאורייתא, ווי דער באוואוסטער ווארט פון אלטן רבי'ן[2], וואס די וואך פ' קומי אורי ח״י אלול איז זיין יום הולדת, וידוע[3] דער ווארט פון בעש״ט בזה (בנוגע הולדת פון אלטן רבי'ן — ביום הנ״ל), וואס זיין יום הולדת איז ביום ח״י אלול

און אזוי איז עס בנוגע די פירושי רש״י בפרשתנו אויף די דברי תוכחה.

און מ'קען זאגן אז, עס איז נאך מער בנוגע פירוש רש״י בהתוכחה, לויט דעם ביאור פון אלטן רבי'ן אין לקו״ת[4] בנוגע די דברי תוכחה עצמם: הגם אז בגלוי איז זייער תוכן היפך הברכה, איז אבער „לפי האמת אינם רק ברכות״[5]. תורה האט אין זיך סתים וגליא, און דער סתים ופנימיות ונשמה[6] פון די קללות איז אן ענין פון ברכות נעלות ביותר[7] (ע״ד ווי מ'געפינט אין גמרא[8] „הנך כולהו ברכתא נינהו״)[9].

בדוגמא לזה איז עס בנוגע די פירושי רש״י אויף דער תוכחה: דער פשט פון רש״י קומט ארויסברייננגען דעם גודל הלא־טוב לפי פשוטו של מקרא; אבער לויט יינה של תורה פון רש״י, קומען די זעלבע ווערטער פון רש״י ארויס־ברייננגען ד' פנימיות און מוסיף זיין הדגשה אין די ברכות נעלות פון דער תוכחה.

ב. ביים סיום התוכחה[10] זאגט דער פסוק: „והשיבך ה' מצרים באניות בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות ואין קונה״.

בפשטות איז מובן, אז וויבאלד דער פסוק שטייט ביים סוף וסיום פון דער תוכחה, קומט ער ארויסברייננגען א היפך הטוב גדול ביותר — איז ניט מובן: וואס איז די גוואלדיקע פורעניות פון דעם וואס אידן וועלן זיך אומקערן אין מצרים וכו'[11] און קיינער וועט זיי ניט וועלן קויפן[12] אלס עבדים ושפחות?

---

1) ראה לקו״ש ח״ה ע' 1, וש״נ.

2) היום יום ע' כד.

3) ספר השיחות תש״ה ע' 129.

4) בחקותי מח, סע״א ואילך — ע״ד התוכחות דפ' בחקותי. וראה לקו״ש ח״ז ע' 233. ועוד. וראה ש״ך עה״ת פרשתנו (כח, טו): בנגלה היא תוכחת ובנסתר היא אהבת ה' דברי אהבה (ומפרשם בפרטיות). ובסוף התוכחה שם: ובנסתר כולה נחמה. אוה״ת ראה ע' תרמה ואילך.

5) ראה היום יום ע' פח (הובא בלקו״ש שם) ע״ד התוכחות דפרשתנו.

6) זח״ג קנב, א.

7) ובאוה״ת פרשתנו (ע' תתרצב ואילך) מבאר בארוכה, שהתוכחות האלו דפרשתנו קאי הכל על הרע שבנוגה, על אויביך. וראה לקו״ת שם מח, ב. מט, א ואילך.

8) מו״ק ט, ב. ולהעיר, שדוקא רשב״י, שעניננו גילוי פנימיות וסתים דאורייתא, גילה שהן ברכות (ראה לקו״ש ח״א ע' 283 ואילך).

9) ע״פ הנ״ל יש לבאר מה שקבעו התוכחות בעליות הכי חשובות — דפ' בחוקותי בשלישי (ראה טושו״ע או״ח סקל״ו) ודפרשתנו בשישי (ראה שער הכוונות ענין קריאת ס״ת דרוש ב (פע״ח שי״ח פי״ט. ועוד) הובא בבאה״ט או״ח סו״ס רפב. וראה מג״א שם סק״ט).

10) כח, סח.

11) להעיר מר״פ בשלח. שלח יד, ד. וראה לך יג, יוד.

12) להעיר מבחיי כאן: ואין קונה זו מדה טובה.

איז דאָס רש״י מבאר: „באניות" מיינט „בספינות בשבי״" — ד. ה. מ׳וועט קומען אין מצרים אַלס שבויים [13]; און אויך „ואין קונה" זאָגט רש״י „כי יגזרו עליך הרג וכליון".

לערנענדיק בהשקפה ראשונה קומט אויס, אַז אין דעם פסוק זיינען דאָ צוויי פורעניות (בעיקר): א) אידן וועלן קומען קיין מצרים „בשבי״"; ב) „יגזרו עליך הרג וכליון", און די איבעריקע ווערטער אין פסוק („באניות בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות") זיינען נאָר פרטים אין די צוויי הנ״ל.

מען קען אָבער זאָגן, אַז רש״י, דורך דעם דיוק לשונו ופירושו, גיט צו פאַרשטיין ווי יעדער פרט אין פסוק איז מוסיף אַ זאַך היפך הטוב לעצמו (כדלקמן); און עד״ז אין ייגה של תורה — ווי יעדער וואָרט און ענין קומט מוסיף זיין אין גודל העילוי והברכה וואָס וועט זיין ביי אידן.

ג. ווערט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים לבאר וואָס דער פסוק איז מדגיש „והשיבך גו׳ בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה" — דלכאורה: וואָס איז די נפק״מ און וואָס איז דאָס נוגע אין דער תוכחה? און מען געפינט ניט, לכאורה, אַז רש״י זאָל דאָס פאַרענטפערן בפירושו.

מפרשים זאָגן [14], אַז דערמיט איז דער פסוק מסביר פאַרוואָס דער „והשיבך" איז דוקא „באניות": וויבאלד אַז דער אויבערשטער האָט געזאָגט „לא תוסיף עוד לראותה" — אין דעם דרך („לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד"[15]) — קען דאָך ניט זיין אַז אידן וועלן קומען קיין מצרים „בדרך הזה" — דורך יבשה, דעריבער איז דער פסוק מדגיש „והשיבך גו׳ באניות גו׳".

ס׳איז אָבער שווער צו איינלערנען אַזוי אין פשוטו של מקרא (דרך פרש״י עה״ת), ווייל — למאי נפק״מ אין דער תוכחה צו באַווארענען אַז דער „והשיבך ה׳ מצרים" איז ניט בסתירה צו „לא תוסיף עוד לראותה"? ובפרט אַז, לכאורה, האָט ניט געדאַרפט שטיין „בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה" — וואָרום דאָס איז אויך ניט נוגע, לכאורה, בהתוכחה — ובמילא וואָלט אויך ניט געווען נויטיק די באַווארעניש „באניות" [16].

ד. לכאורה וואָלט מען געקענט זאָגן — ע״ד ווי עס שטייט אין מדרש לק״ט [17] — אַז דער פסוק וויל דערמיט מדגיש זיין צו וואָס די עבירות זיינען עלול צו דערפירן: כאָטש דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט „לא תוסיף עוד לראותה", קענען אָבער די חטאים גורם זיין, אַז דער אויבערשטער זאָל מבטל זיין די הבטחה [18].

13) ראה רא״ם, באר מים חיים (לאחי המהר״ל), ועוד.

14) אברבנאל כאן „ההפסד הח׳".

15) שופטים יז, טז.

16) ועוד ועיקר: מפשטות לשון הכתוב משמע, ש„בדרך אשר אמרתי גו׳" הוא המשך בתוכן ל„באניות" (ראה תיב״ע עה״פ) — ולא שבא לתרץ תיבת „באניות".

17) שופטים שם. וראה ספרי שם — אבל לא הובא שם הפסוק דפרשתנו.

18) כן משמע מפשטות לשון הספרי („שהברית כרותה עלי״") שתתבטל ההבטחה *. וכן ממדרש לקח טוב שם („שאר הארצות שאין הברית כרותה עלי״"). אבל ראה לקמן בפנים והערה 20.

*) אף שעפ״ז חז״ל (ירושלמי סוכה פ״ה ה״א. מכילתא בשלח יד, יג. פתיחתא דאסת״ר ג) הכתובים דפ׳ בשלח ושופטים שם ודפרשתנו כולם אזהרות — „בג׳ מקומות הוזהרו כו׳". ואכ״מ.

אבער אויך דאס איז ניט גלאטיק בפשוטו של מקרא. ווארום אויף צו וויסן דעם ענין — אז א חטא (ובפרט חטאים גדולים) קען גורם זיין דעם ביטול ההבטחה פון דעם אויבערשטן — דארף מען ניט אנקומען צו די קללות הכי גדולות (ובפרט נאך ביים סיום) פון דער תוכחה, ווייל מ'האט דאס שוין גע־לערנט פריער ביי יעקב'ן [19]. ועוד: וואס איז דאס נוגע דוקא (און דערפאר איז עס דוקא) אין דעם ענין פון דער השבה למצרים ?

ופשיטא אז עס האט ניט קיין ארט — ע"פ פשוטו של מקרא — לערנען [20], אז כאטש ס'איז געווען א ציווי ה' ניט צוריקצוגיין „בדרך הזה" למצרים, איז דער חטא גורם אז דער אויבערשטער רעכנט זיך ניט מיט דעם און ברענגט זיי אויך צו עובר זיין אויפן ציווי — ווייל וואס פאר א שייכות צו דער תוכחה האט דאס, וואס חטאים ברענגען צו עובר זיין אויף נאך א ציווי בעל כרחם [21] ?

ה. וועט עס זיין פארשטאנדיק בהקדם א תוספת ביאור אין פירוש רש"י אויף „באניות" — „בספינות בשבי'". דלכאורה: דער אפטייטשט, אז אידן וועלן גיין אין מצרים „בשבי'", איז שייך (ניט צום ווארט „באניות", נאר) צום ווארט „והשיבך" (אז דער אויבערשטער וועט זיי דארט אומקערן אלס שבויים) — האט דאך רש"י געדארפט עס מפרש זיין ביי „והשיבך" און ניט אין דעם דיבור וואו ער טייטשט אפ דעם ווארט „באניות" ?

די בעלי התוספות [22] לערנען איין, אז „באניות" איז מוסיף אין דער שבי' — „שאם היו מוליכין אותן ברגל לא היו שבים רק הגדולים היכולים ללכת ברגל", אבער דורך די אניות „יהיו שבים טף ונשים".

פון דעם אבער וואס רש"י זאגט „בשבי'" סתם, ניט צוגעבנדיק קיין ביאור, איז פארשטאנדיק, אז לויט רש"י איז דער אויפטו ניט אין דעם וואס די שבי' וועט ארומנעמען אלעמען (אויך נשים וטף), נאר אין דעם עצם ענין וואס זייער קומען דארט באניות וועט זיין „בשבי'".

ו. דער ביאור בזה: רש"י איז מפרש, אז די אלע פרטים וואס שטייען אין פסוק, זיינען (ניט סתם פרטים פון איין כללות'דיקע תוכחה אז מ'וועט די אידן אומקערן קיין מצרים, נאר), יעדער פון זיי, איז מוסיף (אויך) א באזונדער תוכחה.

און דעריבער לערנט רש"י, אז דאס וואס דער פסוק איז מאריך „באניות בדרך אשר אמרתי גו'" איז דאס אן ענין נוסף: אין צוגאב צו דער תוכחה וואס אינעם עצם אומקערן זיך אין מצרים, וועט אויך דער וועג אהינצו זיין אין אן אופן גרוע ביותר; און אין צוויי פרטים:

(א) „באניות" — „בשבי'", ד. ה. לבד זאת וואס אין מצרים וועלן זיי זיין בשבי', וועלן זיי אויך דעם וועג קיין מצרים דורכמאכן אלס שבויים אין אניות; וואס דאס איז פארבונדן מיט א סאך צער ויסורים — פיל מער ווי דער

---

19) וישלח לב, יא ובפרש"י.

20) כמ"ש בלקו"ט פרשתנו עה"פ „שאפילו מצוה שאמר הקב"ה כו'". וראה גם הגירסא בספרי שופטים שם: ומה מצות (במקום „מצרים").

21) ראה גם ל"ת להאריז"ל ר"פ תצא: כי מה עונש זה להושיבם במצרים בדרך כו' וכי עונש הוא לעבור על ד"ת.

22) ועד"ז בפענח רזא, חזקוני ועוד.

צער פון גיין בשבי׳ דורך דער יבשה[23], וואָרום „באניות״ איז מען מער און שטאַרקער אונטער דער מרות פון די וואָס האָבן זיי געפאַנגען, ווי מען זעט עס בפשטות.

[און דערמיט איז אויך מובן פאַרוואָס רש״י וויל ניט לערנען ווי די בעלי התוספות — ווייל (נוסף אויף דעם וואָס אין פשטות קענען אויך טף ונשים גיין צופוס (עכ״פ אַ הליכה לאַט)[24], און ווי ס׳איז געווען ביי יציאת מצרים — איז) לויט זייער פירוש קומט אויס, אַז ניט דעם עצם אומקערן זיך „באניות״ איז אַ תוכחה פאַר זיך, נאָר עס איז בלויז מוסיף אין דער כללות׳דיקע תוכחה פון „והשיבך . . מצרים״, אַז דאָס איז כולל אַלעמען, ולפי״ז האָט לכתחילה געדאַרפט שטיין „והשיב ה׳ כולכם גו׳״ וכיו״ב (אָבער ניט צוגעבן עס אַלס אַ נייעם ענין)].

(ב) „בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה״ — אַז זיי וועלן זיך אומקערן קיין מצרים דורך דעם וועג וואָס זיי זיינען שוין פריער דורכגעגאַנגען — דורכן מדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב וצמאון אשר אין מים[25] (וכמובן, בפשטות, אַז די ניסים וחסדים פון דער ערשטער הליכה אין מדבר) וואָס דער־פאַר האָט דער אויבערשטער מבטיח געווען אַז אין דעם „דרך״ — „לא תוסיף עוד לראותה״: איז מובן דער גודל התוכחה אין דער הליכה דורך דעם „דרך״[26].

[און רש״י דאַרף עס ניט אויסטייטשן בפירוש — כשם ווי ער דאַרף ניט אויס־טייטשן דעם גודל הפורענויות פון „והשיבך ה׳ מצרים״ — ווייל רש״י האָט ערשט מפרש געווען[27] אַז „אין מיראין את האדם אלא בדבר שהוא יגור ממנו״, און פונקט ווי דעם עצם אומקערן זיך קיין מצרים אַזוי אויך דער „דרך״ צו מצרים איז ביים אידן אַ „דבר שהוא יגור ממנו״].

ז. עפ״ז וועט מען אויך פאַרשטיין דעם המשך אין פרש״י אויף די ווייטער־דיקע ווערטער אין דעם זעלבן פסוק „והתמכרתם שם לאויביך״ — „אתם מבקשים להיות נמכרים להם לעבדים ולשפחות״, וואָס מיינט (ניט „ע״י מוכרים אחרים״, נאָר) אַז איר ווילט זיך אַליין פאַרקויפן, ווי רש״י איז מסביר (בדיבור שלאח״ז).

דלכאורה תמוה: דאָס איז דאָך בסתירה צו דעם וואָס ער האָט מפרש געווען אַז זיי ווערן געפירט קיין מצרים „בשבי״, און במילא ניט אין אַ מצב צו

23) וי״ל שלכן הוצרך רש״י לפרש תיבת „באניות״ — „בספינות״, אף שתיבת „אניות״ נאמרה לפנ״ז בתורה (ויחי מט, יג) ואין רש״י מפרשה שם: ע״פ פשוטו אינו מובן מה נוגע בהתוכחה שישיבם באניות ? ומצד זה הי׳ מקום לפרש (עכ״פ בדוחק) ד„אניות״ כאן הוא מלשון „תאני׳ ואני׳״ (איכה ב, ה), לשון „צער ויללה״ (פרש״י איכה שם) *; ולכן מפרש רש״י ד„אניות״ פירושה כפשוטה „בספינות״. וכדי לתרץ מה זה נוגע בהתוכחה, ממשיך (באותו הד״ה) „(בספינות) בשבי״, דהשבי׳ בספינות היא צער גדול ביותר, כבפנים.

24) ולהעיר מישעי׳ כ, ד. הובא בפרש״י נח ט, כג.

*) משא״כ בפ׳ ויחי שם, שנאמר „לחוף אניות״, ובהמשך להנאמר בכתוב לפנ״ז „לחוף ימים״.

25) עקב ח, טו.

26) ולפ״ז ב׳ ענינים בה„דרך״: א) במקום שצריך לילך דרך הים, תהי׳ ההליכה „באניות״ (וראה חזקוני עה״פ; ב) רוב הדרך — יהי׳ „בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה״, דרך המדבר. וע״ד דרך יציאתם ממצרים שהיו ב׳ הענינים: דרך הים (בקרי״ס) ודרך המדבר.

27) פרשתנו כח, ס.

פארקויפן זיך אליין, נאר דוקא דורך „מוכרים אחרים״ ?

אויך איז ניט מובן: פארוואס איז דער פסוק טאקע מדייק „והתמכרתם״ (ניט דורך „מוכרים אחרים״) — וויבאלד דער אויספיר איז אז „ואין קונה״ צוליב דעם וואס „יגזרו עליך הרג וכליון״, איז דאך שוין אינגאנצן קיין נפקא מינה ניט ווער זייער מוכר איז ?

נאר דער ביאור בזה: וויבאלד אז יעדער פרט איז מוסיף אין דער תוכחה אן ענין לעצמו, כנ״ל, לערנט דעריבער רש״י [28], אז דער פסוק רעדט ניט וועגן א מכירה דורך די וואס פירן די אידן בשבי׳ (וואס איז ניט אזא גרויסע תוכחה, און ניט קיין ענין חדש לעצמו), נאר אז דער מצב בשבי׳ ווערט אזוי שלעכט, ביז אז (א) „אתם מבקשים להיות נמכרים להם לעבדים ולשפחות״ — איר וועט (ווען, ובמילא —) זוכן זיך אליין צו פארקויפן אלס עבדים ושפחות (דורך בעטן דאס און איינווירקן אויף די וואס האבן אייך גענומען בשבי׳); און (ב) נאך מער, צו וועמען — „לאויביך״ !

דערמיט קומט צו אויך א תוספת ביאור אין פירוש רש״י אויף „ואין קונה — כי יגזרו עליך הרג וכליון״:

ע״פ הנ״ל וואלט געווען אן ארט צו לערנען, אז „ואין קונה״ איז נאר דער אויספיר פון דער פריערדיקער תוכחה „והתמכרתם גו׳״, אז איר ווילט זיך פאר־קויפן (צוליבן ביטערן מצב) צו „אויביך״, און „ואין קונה״, זיי ווילן ניט קויפן (ובמילא וועט איר בלייבן במצב הקודם):

באווארנט דעריבער רש״י, אז אויך אין דעם איז פאראן (ניט נאר די ניט גוטע תוצאה פון „והתמכרתם גו׳״, נאר) אויך א באזונדער תוכחה נוספת (וואס איז ניט פארבונדן מיט „והתמכרתם גו׳״), אז „ואין קונה״ איז צוליב דעם וואס „יגזרו עליך הרג וכליון״ — תוכחה בתכלית (און דעריבער איז דאס דער סיום פון דער גאנצער תוכחה).

ח. ווי געוועדט פריער (ס״א) איז רש״י מרמז, ביינה של תורה, ווי די דברי תוכחה זיינען בפנימיותם ענינים נעלים ביותר [29].

די כוונה פון דער תוכחה איז דאך אז דורך דעם זאלן אידן צוקומען צום עילוי פון תשובה, ווי דער פסוק [30] זאגט „והי׳ כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה גו׳ והשבות אל לבבך גו׳ ושבת עד ה״א גו׳״. ויש לומר, אז דעריבער איז בסיום וחותם פון דער תוכחה מרומז אט דער ענין — די כוונה פון דער תוכחה (און דער עילוי וואס ווערט ע״י —) התשובה.

די מעלה פון תשובה איז, ווי די גמרא [31] זאגט „גדולה תשובה שזדונות נעשות לו כזכיות״, — ער האט א סוג מיוחד ונוסף אין זכיות, וואס אפילו א צדיק גמור האט ניט.

ובפנימיות הענין: אויך די ניצוצות דקדושה, וואס „פאלן אראפ״ דורך די

---

28) אף שרש״י מכריח בד״ה „והתמכרתם״ (שלאח״ז) — „ולא יתכן לפרש והתמכרתם בלשון ונמכרתם על ידי מוכרים אחרים מפני שנאמר אחריו ואין קונה״ (ראה מפרשי רש״י שם) — הנה באם זה הי׳ עיקר הכרחו של רש״י, הו״ל להקדים הכרח זה לפירושו בד״ה „והתמכרתם שם לאויביך — אתם מבקשים כו׳״. ומזה שפירש תחילה „אתם מבקשים להיות נמכרים כו׳״ (מבלי להקדים הכרח לפירוש זה) מובן, שגם בלי ההכרח שכתב רש״י לאח״ז מובן שהפירוש ב„והתמכרתם גו׳״ הוא „אתם מבקשים להיות נמכרים כו׳״. וראה רא״ם וס׳ זכרון עה״פ.

29) ראה גם אלשיך עה״פ.

30) נצבים ל, א־ב.

31) יומא פו, ב.

זדונות אין ג׳ קליפות הטמאות, ווערן נהפך לזכיות; משא״כ א צדיק בעבודתו קען נאר מברר זיין די ניצוצות וועלכע זיינען אין די דברים המותרים, וואס נעמען זיך פון קליפת נוגה[32].

וויבאלד אז די ניצוצות דקדושה וואס געפינען זיך אין ג׳ קליפות הטמאות זיינען אראפגעפאלן גאר נידעריק, למטה מטה ביותר, איז דערפון גופא מובן אז זייער שורש אין קדושה איז גאר הויך, העכער ווי דער שורש הניצוצות שנפלו אין קליפות נוגה (ווי דער כלל הידוע[33] כל הגבוה יותר נופל למטה יותר). און דערפאר בשעת מ׳איז מברר ומהפך אט די ניצוצות לקדושה ווערט נמשך אן אור עליון יותר[32].

און דאס איז דער פירוש הפנימי אין פסוק „והשיבך ה׳ מצרים גו׳״, אז די כוונה אין די אלע דברי התוכחה, איז אנגעדייט אין זייער סיום וחותם — „והשיבך״ (מל׳ תשובה), צובריינגען צום עילוי פון תשובה, וואס דער עילוי איז מרומז אין המשך הכתוב: (א) „והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות״ — אז פון בחינת „שם״, מקום הקליפות[34] — „אויביך״ — איז מען מברר די ניצוצות קדושה. (ב) און דורכ־דעם ווערט „ואין קונה״ (ווי די צוויי פירושים[35] אין „אין מזל לישראל״) — „אין״ איז „קונה״, די המשכה וגילוי פון בחי׳ „אין״[35*] וואס איז העכער פון בחי׳ „קונה״: וכידוע אז קונה איז בעולם האצילות (כידוע בפירוש „ברוך קונך״)[36], און „אין״ העכער פון אצילות.

און דאס אלעס ווערט אויפגעטאן דורך עבודת התשובה[37].

ט. אין דעם איז רש״י — ביינה של תורה — מוסיף נאך א מער פנימיות־דיקן ענין: וויבאלד אז אידן זיינען א חלק אלוקה ממעל ממש[38], קען מען ניט זאגן אז די גאנצע כוונת הירידה פון דער תוכחה איז נאר צוליב דעם עילוי וואס ווערט אויפגעטאן אין די ניצוצות, נאר עס איז אויך (ובעיקר) — צוליב דעם עילוי וואס ווערט אויפגעטאן אין די אידן גופא[39].

וכידוע, אז תשובה פועל׳ט אן עלי׳ שלא בערך ניט נאר אין דער חפצא (די ניצוצות קדושה), נאר אויך אין גברא[40]. און די פרטי העילוי איז רש״י מבאר אין זיין פירוש אויף „והתמכרתם גו׳״ און „ואין קונה״:

---

32) ראה דרמ״צ קצא, א. וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 183. 187 ואילך. וש״נ.

33) ראה בארוכה וכמה דוגמאות בשערי אורה ד״ה יביאו לבוש מלכות פ״ב ואילך, פל״ב ואילך.

34) לקו״ת ראה לב, רע״ג.

35) ראה לקו״ת האזינו עא, ד.

35*) ראה לקו״ת שם, שע״י תשובה מגיעים לבחי׳ זו.

36) תו״א עו, ב. ובכ״מ.

37) בהמשך תרס״ו (ע׳ קסא) דאצילות „אינו דומה ממש לקנין שהוא אותו הדבר כמו שהוא ממש רק שבא לרשות אחר (ובהנמשל הוא כמשנת״ל .. בענין פנימיות אבא פנימיות עתיק כו׳), אבל כאן הרי אין זה ממש כמו שהן באוא״ס המאציל״.

וי״ל כי ע״י התשובה מגיעים לבחי׳ עתיק כמו שהיא במקומה (ראה לקו״ת ס״פ אחרי. דרמ״צ מצות וידוי ותשובה פ״ב. ועוד), וא״כ מגיע למעלה מבחי׳ קנין — „ואין קונה״ — שהיא פנימיות אבא פנימיות עתיק, כנ״ל.

38) תניא רפ״ב.

39) בתניא פל״ז (מח, ב) שירידת הנשמה למטה היא כדי לתקן את הגוף ונה״ב וחלקו בעולם. אבל ראה ד״ה וירח הש״ת ע׳ ח. לקו״ש ח״כ ע׳ 284 הערה 30. ולהעיר מלקו״ת בלק עג, סע״א: אך התירוץ האמיתי לירידת הנשמה למטה שנעשים בחי׳ בעלי תשובה משא״כ לפני ירידתן הם בחי׳ צדיקים.

40) ראה לקו״ש חי״ז שם. וש״נ.

„והתמכרתם שם לאויביך לעבדים ולשפחות — אתם מבקשים להיות נמכרים" — דער עילוי אין עבודת התשובה איז וואָס דורך דעם ווערט דער איד אַן עבד לה׳, און די מעלה פון עבד באַשטייט אין דעם וואָס „אתם מבקשים להיות נמכרים כו׳", ס׳איז עבודה בכח עצמו: דאָס [41] איז ניט ווי די עבודה פון בחי׳ „בנים" (עבודת הצדיקים) וואָס זייער עבודה והת־קשרות לאלקות איז אַ טבע בנפשם, ווייל דאָס וואָס ביי זיי הערט זיך אלקות, און זיי ציען זיך צו אלקות בעבודתם, קומט בעיקר ניט מצד זייער השתדלות ועבודה, נאָר מצד אלקות, מלמעלה;

משא״כ עבודת הבעל־תשובה, וואָס בגלוי איז ער געווען מרוחק פון אלקות [42], איז די עבודה ניט מצד גילוי מלמעלה, מצד אלקות, דערפאַר וואָס ער פילט דערין אַ געשמאַק און אים ציט צו טאָן די עבודה: אדרבה דאָס איז גאָר היפך טבעו איצט — נאָר ער האָט זיך איבערגעמאַכט בכח עצמו [43] ומצד עצמו ציט ער זיך צו אלקות — „אתם מבקשים להיות נמכרים". און דאָס איז דער עיקר׳דיקער אופן פון עבודת ה׳ — בדוגמא צו אַן עבד וואָס טוט זיין אַרבעט ניט מצד דעם הרגש האדון וואָס דערהערט זיך ביי אים; אדרבה עס איז היפך טבעו — נאָר ער גיט זיך איבער צו דינען דעם אדון מיט זיין אייגענעם כח און קבלת עול [44].

(41) בהבא לקמן בחילוק מדריגת בן ועבד — ראה ד״ה ומקנה רב תרס״ו ואילך. ובכ״מ.

(42) ראה רמב״ם הל׳ תשובה פ״ז ה״ו, ז.

(43) ראה גם לקו״ש ח״ט ע׳ 4־63, וע׳ 66, וש״נ.

(44) ולפי זה י״ל פי׳ „לאויביך" ע״ד המבואר ברשימת הצ״צ לאיכה (אוה״ת לנ״ך ח״ב ע׳ אלה) בפי׳ „כל רעי׳ בגדו בה" — העלי׳ שע״י התשובה הוא במדרי׳ נעלית כזה עד שנק׳ „אויביך" לגבי הבחי׳ שלפנ״ז.

יו״ד. עד״ז איז רש״י מגלה אין דעם פירוש פון „ואין קונה — כי יגזרו עליך הרג וכליון", אַן ענין נעלה יותר וואָס איז אין אידן דורך עבודת התשובה [45].

דער פירוש פנימי פון „הרג וכליון" איז, אַז זייענדיק בחיים בעולם הזה הגשמי שטייט ער אין אַ תנועה פון „הרג" (בנוגע זיינע תאוות און זיין עבר, אַ תנועה) פון אויס וועלט, און מיט אַ „כליון", כלתה [45*] נפשי, מיט אַ כלות הנפש צו אלקות: ד. ה. אַז בעת ער גע־פינט זיך אין עוה״ז, אַ נשמה בגוף, דער־גרייכט ער צו אַזאַ מדרי׳ צו וועלכער די נשמה ווערט נתעלה בצאתה מן הגוף.

[ע״ד דער פירוש פון חסידות [46] אין דעם מאמר המשנה [47] „בן מאה (שנה) כאילו מת ועבר ובטל מן העולם", אַז בשעת אַ איד האַלט ביי דער מדריגה פון מאה שנה — ער (האָט אַלע מאה דרגות שונות), האָט מברר געווען אַלע עשר כחות הנפש (וואָס יעדער איינע איז כלול פון עשר) — איז ער „עבר ובטל מן העולם": איז אינגאַנצן העכער פון וועלט ובמילא איז ער „כאילו מת" [47*], ביז אַז אויך דאָ למטה קען ער זען אלקות. וואָרום הגם אַז „לא יראנו האדם וחי" — בחייהם אינן רואין אבל במיתתן רואין [48], וויבאַלד אָבער ער איז „כאילו

(45) וראה תו״א עד, סע״ג (ובכ״מ) — דנשמות דאצילות נק׳ בנים. ועפ״ז מובן העילוי (וההמשך) ד„ואין קונה", שע״י עבודה דעבד (ששייכת לעבודת התשובה, כנ״ל) מגיע למעלה מעבודת הצדיקים, בנים.

(45*) ראה לקו״ת שה״ש בתחילתו.

(46) ראה אוה״ת בראשית קי, ב. בשלח ע׳ תקל. חוקת ע׳ תתיז.

(47) אבות פ״ה מכ״א (לגירסת אדה״ז — סוף הפרק).

(47*) ראה זח״ג (קסב, ב) בפי׳ במדבר הזה יתמו ושם ימותו.

(48) תשא לג, כ. ספרי בהעלותך יב, ח. ובכ״מ.

מת ועבר ובטל מן העולם", „זעט" ער אויך ביים לעבן, נשמתו בגופו, דאס וואס „במיתתן רואין"].

יא. דער אמת איז דאך, אז ניט נאר די תוכחה גופא איז צוליבן עילוי פון תשובה, נאר אויך די סיבה וואס האט ארויסגערופן די תוכחה איז צוליבן תכלית פון תשובה.

ד. ה. כאטש בגילוי איז דאס מצד די חטאים וואס אידן טוען בבחירתם החפשית, אבער בפנימיות, איז אויך דאס גופא אן ענין וואס קומט מלמעלה: דער אויבערשטער ברייננט אידן אין דעם מצב כדי זיי זאלן צוקומען צום עילוי פון תשובה [49].

און דאס איז אויך מרומז אין דעם אנהויב פון פסוק „והשיבך ה׳ גו׳ בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה" — אויך דאס וואס אידן גייען אין דעם דרך האסור, אינעם דרך וואס דער אויבערשטער האט אנגעזאגט „לא תוסיף עוד לראותה", איז בפנימיות פארבונדן מיט דער הנהגה מלמעלה — „והשיבך ה׳", מיט דער כוונה צו דער־הויבן (נאכדעם) די אידן צו תשובה.

און דאס איז אויך וואס רש״י טייטשט „באניות . . בשבי״" — אז די ירידה פון א אידן אין „מצרים", די מצרים וגבולים והעלם והסתר, איז ניט ברצונו פון דעם אידן, נאר ס'איז „בשבי״", דאס פירט אים דער אויבערשטער בעל כרחו מיט דער כוונה צו דערפירן אים צום עילוי פון תשובה.

יב. ע״פ כהנ״ל וועט מען אויך פאר־שטיין דאס וואס רש״י איז מפרש „באניות — בספינות" — אז דאס איז ניט נאר א פירוש פון ווארט „אניות" [50], נאר דערמיט איז רש״י אויך מרמז, אז לויטן פנימיות'דיקן תוכן פון פסוק (וואס רש״י גיט ארויס ביינה של תורה) איז דא נוגע דער ענין פון „אניות" ווי עס ווערט געטייטשט „ספינות".

דער ביאור בזה: „אניות" איז ענינם צו מגין זיין אויף מענטשן בעת זיי דארפן דורכגיין די וואסערן פון א ים אדער טייך. ועד״ז איז אין רוחניות הענינים: בשעת א נשמה קומט אראפ למטה, אין די „מים הזידונים" פון עוה״ז, דארף זי האבן א דבר המגין אז זי זאל ניט ווערן פארטרונקען, ח״ו, אין זיי — און דאס איז דורך „ספינות" — די עבודה פון תורה ומצוות (כמבואר בכ״מ [51]).

אין דעם זיינען דא צוויי מדריגות: א) „אניות" — (דער נאמען פון דבר המגין אין לשון הקודש, ד. ה. די עבודה פון תומ״צ ווי דאס ווערט געטאן אין דער וועלט פון קדושה. ב) „ספינות" — (דער נאמען אין לשון פון) תרגום, ד. ה. ווי עס קומט אראפ אין דער וועלט פון „תרגום" — פון די ע׳ אומות, וועלכע מען דארף מברר ומהפך זיין לקדושה [52], וואס דאס איז די עבודה פון תשובה אז די זדונות זאלן ווערן זכיות.

זאגט רש״י, אז וויבאלד דא רעדט זיך וועגן מתקן זיין א מצב פון ירידה מצד חטאים כו׳ — „בדרך אשר אמרתי לך לא תוסיף עוד לראותה" — דעריבער דארף מען דא אנקומען צו אזא סדר עבודה והנגה וואס באשטייט ניט (נאר) פון „אניות", נאר (אויך) פון „ספינות".

---

49) ראה תו״ח תולדות יג, א. וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 395 ואילך, וש״נ.

50) וראה לעיל הערה 23.

51) ראה תורת הבעש״ט עה״פ יורדי הים באניות (כתר שם טוב בהוספות סי׳ נח. ולהעיר מביאוה״ז לאדמהאמ״צ מג, א. להצ״צ ע׳ רי ואילך).

52) ראה תו״א עז, ד.

יג. ויהי רצון, אַז דורך דעם לימוד יינה של תורה ופנימיות התורה פון די דברי תוכחה זאָל בקרוב ממש נתגלה ווערן דער פנימיות'דיקער טוב פון די דברי תוכחה, בטוב הנראה והנגלה, אַז יעדערער זאָל עס זען בעיני בשר בטוב הנראה והנגלה אין בני חיי ומזוני רוויחי,

און די אַלע תוכחות זאָלן קומען „על אויביך ועל שונאיך אשר רדפוך"[53], און יעדער איד, בתוככי כלל ישראל, ווערט נכתב ונחתם בכתיבה וחתימה טובה לשנה טובה ומתוקה בטוב הנראה והנגלה, ביז צו דער ברכה הכללית — ביאת משיח צדקנו במהרה בימינו ממש.

(משיחת ש"פ תבא תשל"ד)

53) נצבים ל, ז. וראה לעיל הערה 7.

# תבא — ח״י אלול

א. ח״י אלול, דער יום הולדת פון „שני המאורות הגדולים״[1] — דער בעש״ט[2] (מייסד פון תורת החסידות הכללית) און דער אַלטער רבי[3] (מייסד פון תורת חסידות חב״ד) — איז אַלע־מאָל חל בסמיכות[4] צו ש״פ תבא (אָדער בש״פ תבא אַליין).

און וויבאַלד אַז אַלע מועדי (פון לשון „מיועד״ — אַ זמן מיט אַ ספּעציעלן אינהאַלט) השנה זיינען מרומז אין די פרשיות התורה וואָס ווערן געלייענט אין די זמנים אין וועלכע זיי זיינען חל[5] — דאַרף מען זאָגן, אַז אין פ׳ תבא איז מרומז אויך דער תוכן פון ח״י אלול (ובפרט אַז ער ווערט אָנגערופן „יו״ט״ און „מועד״ כידוע[6]).

ב. דער נאָמען פון אונזער סדרה [וואָס אין איר איז אָנגעדייט, כידוע[7], דער תוכן פון דער גאַנצער סדרה] איז — (כי[8]) תבוא. דער טייטש פון „תבוא אל הארץ״ איז „לאחר ירושה וישיבה״; און ניט נאָר אין אונזער פרשה וואו דער פסוק איז מפרט „וירשתה וישבת בה״, נאָר ווי חז״ל[9] זאָגן, אַז אומעטום וואו עס שטייט „כי תבוא״ (וכיו״ב[10]) מיינט עס „לאחר ירושה וישיבה״.

און וויבאַלד אַז דאָס איז דער טייטש פון „כי תבוא״ בכל מקום, איז פאַר־שטאַנדיק, אַז הגם מ׳לערנט עס אָפּ פון דעם וואָס „פרט לך הכתוב באחד מהן לאחר ירושה וישיבה״[11], ליגט דאָס אָבער אין דעם תוכן פון וואָרט „תבוא״ גופא.

נאָכמער: „ירושה וישיבה״ מיינט ניט די „ירושה וישיבה״ פון דעם יחיד (אַז נאָכדעם ווי ער באַקומט זיין חלק אין א״י דאַרף ער בריינגען ביכורים) נאָר — נאָך די י״ד שנה[12] שכבשו וחלקו[13], גאַנץ ארץ ישראל [און ווי מ׳האָט שוין אַמאָל מבאר געווען[14] דעם דיוק לשון רש״י אין אָנהויב פון אונזער סדרה — „מגיד שלא נתחייבו בבכורים עד שכבשו את הארץ וחלקוה״ (און זאָגט ניט — ע״ד ווי דער לשון הכתוב — „לאחר ירושה וישיבה״) — אַז דערמיט איז רש״י מדגיש, אַז „וירשתה וישבת בה״ דאָ[15]

1) ספר השיחות תש״ג ע׳ 141. 142. 146. ועוד.

2) שנת נח״ת.

3) שנת קה״ת.

4) לפעמים בשבוע דש״פ תבא (כקביעות שנה זו — תשל״ז), ולפעמים — בשבוע שלאחריו (לדוגמא בשנת תשל״ה), שגם אז „מתברך״ הוא מש״פ תבא.

5) של״ה חלק תושב״כ ר״פ וישב.

6) ראה בארוכה סה״ש שם ע׳ 140 ואילך. סה״ש תש״ה ע׳ 122 ואילך. ועוד.

וראה בארוכה בענין השמחה ביום הולדת של צדיקים — לקו״ש ח״ה ע׳ 86 שוה״ג להערה 1, וש״נ. וראה ג״כ בעניננו (ח״י אלול): סה״ש תש״ג ע׳ 89 ואילך. שם ע׳ 186 ואילך.

7) ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 58 ואילך ובהנסמן שם. ועוד.

8) כ״ה בטאו״ח סו״ס תכח. וברמב״ם „סדר תפלות״ — „והי׳ כי תבא״. ואכ״מ.

9) קידושין לז, ב. פרש״י שלח טו, יח.

10) ראה פרש״י שלח שם (ע״פ ספרי עה״פ. הובא בפרש״י קידושין שם ד״ה מידי. ועוד).

11) קידושין שם. פרש״י שלח שם.

12) זבחים קיח, ב. פרש״י ראה יב, ח.

13) ראה פרש״י ד״ה אבל חדש, ללמדך, והרי שבת — קידושין שם, א.

14) ראה בארוכה בכ״ז לקו״ש ח״ט ע׳ 152 ואילך.

15) כי הלשון „ירושה וישיבה״ אפשר לפרש (ע״ד הפשט) גם על היחיד (עכ״פ במצות אלו שחיובן על כל יחיד ויחיד בפ״ע) — כמשנ״ת בלקו״ש שם (ע׳ 154).